# פֿון לאַנד „שווינדזוכט“

איך האָב געזען אַ לאַנד — דער הימל איז, ווי אַ גלאָז און עס קוקט אַדורך אַ געלע זון און אַ קאַלטע.

עס ציט זיך אַראָפּ אַ לייכטער, שטילער רעגן, און די שנירלעך רעגן לויכטן מיט דער געלער שיין פֿון דער זון.

די ערד איז אויסגעפּלאַסטערט מיט ווייסע, פֿיר־קאַנטיקע שטיינער, און הייזער זיינען דאָרט אויסגעשטעלט אין גלייכע, שטילע רייען — זייערע לאַנגע שויבן זיינען פֿאַרגלייזט, ווי ווייסלען פֿון טויטע.

איך האָב דאָרט מענטשן געזען — מיט שפּיציקע אַקסלען, מיט אַרויסגעזעצטע, גרויסע בייכער אויף דינע׳ פֿיס. זיי גייען — די הענט געלייגט אויף די בריסטן, אויסגעצויגן די געלע פּנים׳ער צו דער זון און אָפֿענע מיילער אויף אָטעם.

און אַלע האָבן זיך שטיל געשלייכט אין איין ריכטונג — מענער האָבן פּרויען פֿאַר אַראָפּגעלאָזטע הענט געהאַלטן, און פּרויען האָבן אויף די הענט קינדער געהאַלטן. אַלעמענס פּנים׳ער, באַלויכטן קעגן דער זון, מיט געלע אַפּלען. און אויף זיי, און צווישן זיי איז געפֿאַלן דער לייכטער, שטילער רעגן. און די שנירלעך רעגן האָבן געלויכטן מיט דער געלער שיין פֿון דער זון.

דאָ, דאָרט איז עמיצער שטיין געבליבן, די הענט אויף די בריסטן, אויסגעצויגן דעם האַלדז און שטיל אַרויסגעלאָזט אויפֿ׳ן ווייסן, פֿיר־קאַנטיקן שטיין געלע, ווייכע שטיקער.

די זון איז געגאַנגען אין הימל אַריין אַלע מאָל העכער, האָבן די מענטשן געהויבן די קעפּ, און זייער גאַנג איז געוואָרן שטילער.

און אַז די זון איז געקומען נאָר הויך, אין מיט הימל, איז דער רעגן געוואָרן אויפֿגעהאַלטן, די לופֿט, ווי אַ בליי, און אַלע זיינען שטיין געבליבן — אויסגעצויגן, די אַפּלען פֿאַררוקט צו דער זון, קליינע, ווי געלע פֿינטעלעך, אָפֿן די מיילער אָן אָטעם.

לאַנג אַזוי האָט געדויערט די געלע פֿאַרשטיינערונג. ביז די זון איז פֿון מיט הימל אַראָפּ האָבן די מענטשן ווידער אָנגעהויבן גיין,



און די שנירלעך רעגן זיינען געפֿאַלן אויף זיי, און צווישן זיי, און געלויכטן מיט דער געלער שיין פֿון דער זון.

און ווען די זון האָט זיך אָנגעהויבן נידעריק אַראָפּלאָזן, און באַלויכט יענע ליידיקע, באַוואַקסענע פֿעלדער, און ווען זי האָט שוין אָנגעהויבן שטיל זינקען, און אויף אַ מינוט באַלויכט און באַשפּיגלט יענץ לאַנד מיט אַ ווייך ליכטיקייט, זיינען אַלע אויף די קניען געפֿאַלן, מיט אויסגעשטרעקטע הענט צו דער פֿאַרגייענדער זון, און אויף זייערע געלע, פֿאַר׳חלש׳טע פּנים׳ער איז געווען אויסגעגאָסן בענקעניש און געבעט, ביז די זון איז פֿאַרגאַנגען און זיי זיינען אַלע געבליבן, ווי אויסגעלאָשענע, טונקעלע שטיקער בליי —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ נאַכט איז אין יענעם לאַנד — דער הימל גרין, פֿאַרגלעזערט, און אַ לבנה שטייט אויף איין אָרט, ווי מאַט־געל בלעך און לויכט נישט.

דער פֿאַרגלעזערטער הימל לאָזט זיך ווייט אַראָפּ און בלאַנקט אויף ליידיקע, שטילע פֿעלדער.

און קיין שאָטן איז נישטאָ — די הייזער שטייען נאַקעטע, ווי רייען מצבות אונטער דער געלער, אויסגעלאָשענער לבנה.

אַלע פֿענסטער זיינען געעפֿנט; דער גרינער הימל בלאַנקט אויף די לאַנגע שויבן און בלייכט אַריין אין די שטובן.

עס זיינען זיך מענטשן — האַלב־ליגנדיקע, טייל, אין לאַנגע כאַלאַטן, גייען אַרום שטיל, ווי אין זיך פֿאַרטראַכט... פֿיל ליגן אויסגעצויגן אין די אָפֿענע פֿענסטער, מיט שטילע, אויסגעזעצטע אויגן צום פֿאַרגלעזערטן הימל, געמאַטערטע פּנים׳ער — אָן אָטעם.

די צעפּלאַטשטע לבנה קוקט אויף זיי, און זיי בלייבן אונטער איר בלייערנעם קוק.

און ווען דער טאָג הייבט אָן בלייכן, באַווייזן זיך מענטשן אין די פֿענסטער, אין צעלאָזענע כאַלאַטן, און זייערע שיטערע פּנים׳ער קוקן לאַנג צו יענעם עק הימל, ווי עס שווימט שטיל אויף די געלע ליכטיקייט.

(„דער יונגער גייסט“, וואַרשע, 1908)